מיר געטהאָן? איז דען מיר מעגליך, ליעבע טייערע מוטער דיר אויסצודריקען מיינע דאנקגעפיהלע פאר דיינע גוטע און מילדע האנדלונגען?

לאמיר האָפען דאָס איהר וועט שניידען מיט לוסט וואָס איהר האָט מיט טרעהרען פערזייט.

מעג אייך דער אלמעכטיגער גאָט שענקען א גליקליכעס עלטער און איהר זאָלט זיך זעטיגען מיט פערגעניגען פון אייערע קינדער און קינדס קינדער.





דרשה ו

ליעבע עלטערן און געשעצטע פערזאמלונג.

היינט איז מיין געבורטסטאג און ביי מיר איז דער טאג אימטער א יום טוב, אבער דאס איז נאך ניט גענוג מיר צו געבען מוטה צו שטעלען זיך ריידען פאר א פובליקום. היינט איז אבער ביי מיר מעהר יום טוב וויא אלע יאהר. היינט איז מיר געוואָרען דרייצעהן יאהר, און איך בין בר-מצוה! איך געזעגנע זיך מיט די קינדערשע יאהרען און טרעט אריין אין א נייע עפאכע.

איך בין שוין א איד און איך בין שטאלץ מיט דעם, וואס יעצט ליגט אויף מיר דיא פפליכט אבצוהיטען אלע גאט׳ס גע-באט גלייך מיט אייך אלעמען, ווערטהעס פובליקום. דאס גיט מיר מוטה אויסצודריקען פאר אייך מיינע געפיהלען היינט.

ליעבע עלטערן!

צו ערשט וועל איך רעדען צו אייך. איך וויל אייך פון דעם פלאץ דאנקען פאר דיא גוטעס, וואס איהר האט פאר מיר גע-טהאן, און בעטען אייך איהר זאלט מיר פערצייהען פאר דיא שמערצען, וועלכע איך האב אייך פעראורזאכט מיט מיין ניט געהארכזאם זיין, מיט מיינע קינדערש-נארישע מעשים. יעצט, היינט איז דיא צייט איך זאל אייך בעטען אום פערצייהונג, ווייל איך האב ניט פערשטאנען מיט מיין קינדערשען שכל וויא זיך אויפצופיהרען און וויא אייך צו שעצען.

יעצט, ווען איך ווער בר־מצוה, און איך אליין ווער פאר־אנטוואָרטליך פאר אַלעס וואָס איך וועל טהאָן, בעט איך אייך, ליעבע עלטערן, נעהמט ניט צו אייער אויג פון מיר, זייט וויא פריהער מיינע וועג־ווייזער, צייגט מיר אָן וואָס צו טהאָן און ווייזט מיר דיא ריכטיגע וועג, אויף וועלכע איך בעדאַרף געהן. איך וועל אייך אימּמער געהאָרכזאַם זיין, און איך וועל שטרע־בען צו זיין דאָס וואָס איהר ווינשט, און וואָס איהר האָפט איך זאָל זיין.

אין אייער אנוועזענהייט, געעהרטעס פובליקום, זאָג איך צו, דאָס דיא תפילין וועלען מיך צובינדען צו מיין נאַציאָן, איך וועל היטען און איך וועל טייער האַלטען, וואָס בייא אונזער פאָלק איז טייער.

איך בין שטאָלץ וואָס איך בין אַ איד, אַ קינד צום פאָלק וואָס האָט פערשפרייט ליכט און בילדונג אויף דער גאַנצער וועלט, ווייל דיא אידישע תורה איז דער קוואַל פון וויסענשאַפט און מאָראַל, יושר און וואהרהייט, פרייהייט און גלייכהייט.

איך וועל אימּמער שעצען דיא תורה און דיא שפּראַכע, אין וועלכע זיא איז געשריבען און אונזערע נביאים האָבען נביאות געזאָגט; איך וועל אימּמער ליעבען מיין רעליגיאָן און דאָס הייליגע לאַנד צו וועלכע מיר אַלע האָפען זיך צוריק צו קעהרען.

איך בעט גאָט, און דאָס איז מיין ערשטע תפלה — שיק דיין ברכה צו מיינע ליעבע עלטערן, דערלענגער זייערע יאָהרען און גיב זיי רייכטהום און גליק; זאָלען זיי האָבען נחת פון אַלע זייערע קינדער. שיק אויך דיין ברכה צו מיינע שוועסטער און ברידער, אָנקעלס און טאַנטעס און צו מיין גאַנצער משפחה. געבענשט זאָלען זיין מיינע לעהרער און דאָס גאַנצע פובליקום, וועלכע נעהמען אַנטהייל אין אונזער שמחה של מצוה, געבענשט זאָלען זיין אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט, זאָלען זיי זיך אומקעהרען צו זייער אַמאָליגען גרויסען שטאָלץ און צו זייער פאטערלאַנד. אמן.



דרשה ז

ליעבע עלטערן און געעהרטע געסט!

איך שטעה יעצט על פרשת דרכים, אויפ׳ן שיידע וועג: פון איין זייט ליגט מיין דרייצעהן־יאָהריגע פערגאַנגענהייט, און דער צווייטער זייט פאַנגט זיך אָן מיין אונבעקאַנטע צו־קונפט.

מיין פערגאַנגענהייט וואָס האָט פערשלונגען מיין קינדהייט, איז אויסגעוועבט פון וואונדער־שעהנע פאַנטאַזיעס, פון ריינע אומשולדיגע געדאַנקען, פון הימלישע געטליכע מעלאָדיען און פון גן־עדן זיסע חלומות... און יעצט, ווען איך בעדארף זיי אַלעמען זאָגען מיין לעצטען אַדיע, ווערט מיין הארץ פול מיט אומעט, טרויער און בענקשאַפט.

אָבער, ליעבע עלטערן! איך בין ניט פערצווייפעלט. איך מיין נאָר מאַכען וויא מען זאָגט א יזכור מיין פערשטאָרבענע קינדהייט, אָבער מוטהלאָז בין איך ניט.

ביז יעצט בין איך פאררעכענט געוועזען אלס קינד, אַלס קליינער אינגעל, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין רעליגיעזע פפליכטען וויא אלע אַנדערע אידען, וועלכע האָבען שוין דער־גרייכט דרייצעהן יאָהר, און וועמענס זינד זיינען צוגעשטעלט געוואָרען צו זיין פאָטער׳ס חשבון. פון יעצט אָן אָבער בין איך א פאָלקאָמענער איד און איך בין זעלבסט פעראַנטוואָרטליך

פיר אַלע מיינע זינד. איז דען אַזאַ ענדערונג ניט אַ עהרענהאַפּ־טערע, אַ שעהנערע און אַ זעלבסטשטענדיגערע?

אין פסוק איז געשריבען: „ויגדלו הנערים, ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה ויעקב איש תם יושב אהלים“. אויף דעם זאָגט דער מדרש רבה (סעיף ס"ג): ר' לוי אמר משל להדס ועצבנית (חוח) שהיו גדלים זה על גבי זה וכיון שהגדילו והפריחו, זה נותן ריחו וזה חוחו; כך, כל שלש עשרה שנה שניהם הולכים לבית הספר ושניהם באים מבית הספר. לאחר שלש עשרה שנה זה הולך לבתי מדרשות וזה הולך לבתי עבודה זרה. אמר רבי אליעזר עד שלש עשרה שנה צריך אדם להטפל בבנו, מכאן ואילך צריך שיאמר „ברוך שפטרני מענשו של זה“.


אַ מירטע (הדס) און אַ דאָרן האָבען געוואקסען איינע לעבען דעם צווייטען. ווען זיי זיינען אויסגעוואקסען און אויפּ־געבליהט, האָט דיא מירטע פערשפּרייט איהר דופט, איהר גע־שמאַקען גערוך, און דער דאָרן זיין דאָרנשטרויך. אזוי זיינען אויך געוועזען יעקב מיט עשו'ן. ביז דרייצעהן יאָהר געהען זייא ביידע אין שוהלע און קומען צוזאַמען פון דאָרטען; אָבער נאָך דרייצעהן יאָהר געהט איינער (יעקב) אין בית המדרש און דער צווייטער (עשו) אין דיא געטצען הייזער. אויף דעם האָט רבי אליעזר געזאָגט אַז ביז דרייצעהן יאָהר בעדאַרף אַ פאָטער אויפּפּאַסען אויף זיין זאהן, דערנאָך בעדאַרף ער זאָגען: גע־בענשט איז דער, וועלכער האָט מיך בעפרייט פון דער שטראָפע פיר דיעזען.


אָ, ליעבער גוטער פאָטער! ביז יעצט ביזטו געוועזען פעראַנטוואָרטליך פיר מיינע טהאַטען און אויף דיינע פּלייצעס פלעגט פאַלען דיא לאַסט פון מיינע זינד. וויא צוויי גוטע מלאכים פלעגסטו, צוזאַמען מיט מיין טייערע מוטער, פיהרען מיך און בעגלייטען מיך אויף מיין לעבענס־וועג, אַלע מיינע ווינשע פלעגט איהר ערפילען, אַלע מיינע פערלאַנגען פלעגט איהר נאָכגעבען און אַלע מיינע בעדערפניסע פלעגט איהר מיר

פערשאַפען. גלויבט מיר, טרייע עלטערען, אַז אָבוואָהל איך בין נאָך יונג, דאָך פערשטעה איך זעהר גוט וויא צו שעצען אייער ליעבע און אייער איבערגעבענהייט צו מיר; אָבער איך בין נאָך יעצט ניט אין שטאַנד צו בעלוינען אייך זאָגאַר פאר אַ קליינע טהייל פון אייערע חסדים.

אָבער איין זאַך זאָג איך אייך צו: איך וועל זעהר אַכטען דיא אַלע פפליכטען, וואָס היינטיגער טאָג לעגט אויף מיר ארויף, און דיא פעראַנטוואָרטליכקייט וואָס איך האָב היינט איבערגענומען, וועל איך שטענדיג האָבען אין זינען אזוי וויא יעקב אבינו, אויף וועלכען דער מדרש זאָגט אז נאָך דרייצעהן יאָהר פלעגט ער געהן לבתי מדרשות, עס הייסט: ער פלעגט לערנען פלייסיג און זיין צוגעבונדען צו זיין פערגאַנגענהייט. אזוי וועל איך אויך ניט אָבטרעטען פון דעם וועג וואָס איהר האָט מיר אָנגעצייגט. וואו איך וועל זיין וועט אומעדום קלינגען אין מיינע אויערען ווי אַ געטליכע שטימע — „עברי אנכי"! איך בין אַ איד. מיט לייב און זעעלע וועל איך זיין צוגעבונדען צו אונזער גרויסער נאַציאָן, צו אונזער וואונדער שעהנער און טיעף טראַגישער פערגאַנגענהייט, צו אונזער טיעף-זיניגע טראַדיציאָנען און צו אַלע אונזערע לעהרע. צוזאַמען מיט אונזער פאָלק וועל איך טראַגען דעם גרויסען היסטאָרישען פעקעל צרות, פון וועמעס שווערקייט עס בייגען זיך אָפט ניט ווילענדיג דיא שטאָלצע קעפּ פון דיא מכביער׳ס אייניקלאך, און צוזאַמען מיט איהם וועל איך שטרעבען און האָפען, האָפען און שטרעבען צו אַ בעסערע און צו אַ ליכטיגערע צוקונפט. איך וועל שטענדיג ליעב האָבען אונזער נאַציאָנאַל שפּראַך, דיא שפּראַך פון אונזערע נביאים, דיא העכסטע פּאָעטישע שפּראַך, וועמעס מוזיקאַלישער דיאַלעקט האָט אַמאָל בעצויבערט דעם אַלטען לבנון און דעם ירדן, און וועלכע לעבט יעצט ווידער אב אין די גלות-לענדער, און איבערהויפּט אין ארץ ישראל וואו אונזער אַלטער שטערן איז פערלאָשען געוואָרען און וואו אַ נייער שטערן געהט פיר אונז אויף . . .

אייך, ווערטהע געסט, דאַנק איך פון טיעפען הארצען פאר דיא פריינדשאפט און פאר דיא עהרע, וואָס איהר האָט מיינע עלטערן און מיר היינט געצייגט, און איך פערזיכער אייך, אז איך וועל אָנוועכדען אַלע מיינע קרעפטען אום צו זיין אַ טרייער און ווירדיגער מיטגליעד פון אונזער גייסטרייכער אמה, וועמעס פאָהן איך וועל מיט שטאָלץ טראָגען ביז מיין לעצטער מינוט, און וועמענס עהרע וועט זיין מיין קדשי קדשים, וועלכע איך וועל שטענדיג זיין געגרייט צו בעשיצען מיט מיין מארך, מיט מיין בלוט, זאָגאר מיט מיין לעבען.





דרשה ח

גערערטע פערזאמלונג!

איהר האט אונז בעעהרט און געקומען אנטהייל נעהמען אין אונזער שמחה, מיין בר־מצוה, איך בעדאנקע אייך הערצליך פיר דיא פריינדשאפט. גיב גאט דאס מיר זאלען אייך קענען אבדאנקען מיט אונזער געגענווארט בייא אייך אויף שמחות.

מיינע ליעבע עלטערן!

איהר האט מיך אויפגעצויגען צו דיעזען האכבעדייטענדען טאג. דורך אייער מיהע, דורך אייער זארגען פאר מיר בין איך זא וויט געקומען. און מיט דיא הילפע פון מיינע גוטע לעהרער וועלכע איהר האט מיר איממער פערשאפט, פערשטעה איך צו שעצען דעם נאמען ישראל, וועלכען עס טראגט אונזער פאלק אין אלגעמיין, און יעדער איינציגער איד בעזאנדער; אויך אונזער פערבינדונג מיט דיא היילינע תורה, וועלכע איז דיא נשמה, דער לעבענס־קראפט פון אונזער פאלק. און דאס איינציגע וואס איך ווינשע מיך יעצט איז, דאס דער אלמעכטיגער זאל מיר דיא מעגליכקייט געבען אייער וואונש איממער אויס־צופיהרען און איממער בלייבען טרייא דעם נאמען „ישראל“, דעם פאלק „ישראל“ און דיא תורת ישראל.


היינט איז מיין בר־מצוה, דאס הייסט איך ווער איינער דער, וועלכער מוז מצוות טהאן. איך בין שוין ניט מעהר קיין קינד, זאנדערן אן ערוואקסענער. פון היינט אן בין איך זעלבסט

פעראנטוואָרטליך פאר אלעם וואָס איך מהו, פון היינט אָן וועד איך אַלס פאָלשטענדיגער איד בעטראכט; און דערפאר גיב איך מיין עהרען וואָרט, מיין ערשטען פערשפרעכען, צייט מיין לע־בען, מיין אויפגאבע אלס אידישער קינד און זאָהן דעם פאָלק׳ס ישראל ניט אויפצוגעבען; צו בעפאָלגען אלעם וואָס פון א איד פאָדערט זיך; צו ליעבען מיין פאָלק און פערטהיידיגען אידען! צו דאנקען אימּמער גאָט וואָס ער האָט מיך פאר א אידען גע־מאכט, און אייך ליעבע עלטערן, וואָס איהר האָט מיך צו דעם צושטאַנד געבראכט.

אין דעם טאָג וואָס איך טרעט אריין אין דער אידישער ארמעע בין איך גערן אויך איינער פון דיא טרעגער דעם אי־דישען פלאג; און איך וועל מיט עהרע און שטאָלץ אימּמער פארהייליגען אונזערע הייליגע פרינציפען, אָבהיטען דאָס וואָס אונז איז פערזאָגט און בעאָבאַכטען אלעם וואָס אונז איז פאָר־געשריבען.

דאָס אלעס נעהם איך אויף מיר פון היינטיגען טאָג אָן גלייך מיט אללע מיינע גלויבענס גענאָססען, און גאָט זאָל מיר דאצו העלפען. אמן.





דרשה ט.

(פיר א יתום אָהן אַ פאָטער)

יי לי לא אירא

(ווען גאָט איז מיט מיר פירכטע איך ניט)

ווען מיין פאָטער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער מיך אריינגעבראכט אין גאָטעס הויז אום צו ווערען א מיטגליעד פון זיין היילינער געמיינדע. אָבער מיין גוטער און ליעבער פאָטער איז טויט און מיין איינציגע בעסטע פריינדין אין דער וועלט, מיין פיעל־געליעבטע מוטער ערפילט יעצט דיעזע פליכט.

ווען מיין פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט איך נאָך אַ יאָהר צייט געוועזען פריי אין מיינע טהאַטען און מיין פאָטער וואָלט געוועזען פעראַנטוואָרטליך פיר מיר צו גאָט איבער מיינע אויפ־פיהרונגען.

אָבער מיין פאָטער בעפינדעט זיך יעצט ביי זיין פאָטער, ביי גאָט אין הימעל, און איך בין ערצוינערט געוואָרען, דאָס ניעמאַנד קאָן מעהר פעראַנטווארטליך זיין פיר מיר, אונד דאפיר בין איך בערופען געוואָרען צו מיין צוועלפטען יאָהר צו ער־פילען דיא פליכטען פון א אידען, צו עהרע פון מיין פאָלק, מיין נאַציאָן, מיין פערשטאָרבענעם פאטער און פיר מיין טייערע מוטער.

יא, איך בין ערשיענען אין גאָטעס הויז און בערייט צו טהאָן דאָס, וואָס עס ווערט פון מיר פערלאַנגט.

איך בין אַ איד, און אלס איד מוז איך לעבען. צו לעבען אַלס איד, מוז איך פירכטען גאָט, און ווען איך טהו דאָס, דאַן וועל איך געליעבט און געשעצט ווערען פון גאָט און פון מענשען, און מיין טייערע און ליעבע מוטער וועט זיין גליקליך דאמיט.

ווען מיין פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט עס מיך געווים מעהר געפרייט וויא יעצט, אלס ער האָט אונז פערלאָזען. מיין עדעלער און גוטער פאָטער האָט געוואוסט צו אונטערשיעדען פון גוטעס ביז שלעכטעס, און ער האָט מיך, זיין זוהן, געפיהרט אויף דעם ריכטיגען וועג פון פליכטען און טהאָן גוטעס.

צו מיין טיעפסטען בעדויערען און טרויער איז דיעזער פאָטער אַוועק פון מיר, און איך בין בלויז צוריק געבליעבען אונטער דיא אויפזיכט פון מיין מוטער.

אונטער דער לייטונג פון מיין מוטער? וואָס האָב איך געזאָגט? וויא אונדאַנקבאר איך בין!

יי לי לא אירא! גאָט איז מיט מיר, פירכטע איך ניט! דער גאָט וואָס האָט זיך איינמאָל ערקלעהרט אלס דער אבי יתומים, דער פאָטער פון וויייזען, איז אויך מיין פאָטער, און ער וועט מיך פיהרען, לייטען און מיר צייגען דעם ריכטיגען וועג וואָס איך דאַרף נאָכפאָלגען.

איך שפּיער עס אין מיין הארצען, דאָס גאָט איז מיט מיר, און איך בין פול מיט פרייד און מוטה אין דעם אָנפאַנג פון מיין לעבענס־וועג אויף מיין אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט.

איך וועל זוכען און איך וועל פינדען דעם וועג צו זיין גוט פיר מיין מוטער, פיר מיינע מיט־מענשען און פאָלגליך פיר זיך זעלבסט.

דיא הייליגע געבאָטע פון גאָטעס הייליגער תורה זאָלען מיך ניעמאלס פערלאָזען, און איך וועל ניעמאלס אויפהערען זייא צו שטודירען.

זיי זאָלען זיין מיין וועג-ווייזער, מיין עמוד-האש ביי דער נאכט און מיין עמוד-הענן ביי טאָג, אום צו טהאָן גוטעס, זיין עדעל און געהאָרכזאַם צו יעדען, וואָס קען מיר צייגען וויא צו ווערען א בראַווער מאַן.

פון היינט אָן און ווייטער וועלען תפילין בעצירען מיין האַנד און שטערען; אין דיעזע תפילין ווערט אונז עראינערט אז גאָט איז בארמהערציג און טהוט אימער גוטעס מיט דעם עלענדען און ליידענדען.

איך בין א יתום און איך בענויטיג זיך אין דעם שוטץ פון דעם אלמעכטיגען גאָט.

איך האָב געלערענט דאָס ווען איך וועל איהם רופען וועט ער מיך הערען, ווען איך וועל בעטען וועט ער מיר ענטפערען, און וואָס איך וועל פון איהם פערלאַנגען, וועט ער מיר געבען.

דער אלמעכטיגער שעפער האָט און בעזיצט אַלעס, און דיעזע וואָס האָבען זיך פערדיענט ווערען פון איהם בעלוינט צו יעדער צייט און ער איז אימער בערייט צו ערפילען דעם וואונש פון דעם גערעכטען.

דארויף געשטיצט, בעט איך דיך, גאָט דוא בארמהערציגער, הער יעצט צו דאָס געבעט פון דיין קליינעם דיענער:


גאָט! דוא פועל צדק און בעל-רחמים, העלף מיר איך זאָל דיך דיענען; העלף מיר איך זאָל זיין גוט, און בעשיץ מיין מוטער.

גאָט, דוא באַרמהערציגער! איך בעט דיך פאַר מיין ליעבע מוטער, ווייל זיא איז צו מיר אלעס אין דער וועלט. זיא איז מיין פריינד און מיין פריינדין, מיין פאָטער און מיין מוטער, און אָהן איהר האָט פיר מיר דאָס לעבען קיין ווערטה.

זיא צייגט מיר וויא דיך צו בעטען, וויא זיך צו ווענדען צו דיר און וויא דיך אנצובעטען, אז דוא זאָלסט מיר העלפען.

בעשיץ זיא אלזאָ, אלמעכטיגער, פון שמערץ און פון לייד, פון נויט און פערצווייפלונג; גיב איהר געזונדהייט און מוטה, לעבען און צופריעדענהייט, דאמיט זיא זאָל מיך קענען ערציהען פאר דיר אליין צו פירכטען, בעפאָלגען דיינע געבאָטע און זיין גוט.

ערפילל מיין געבעט, גרויסער גאָט, און בעשיץ מיין עדעלע מוטער. אמן.





דרשה י.

(פיר א יתום אָהן אַ פאַטער און מוטער)

יי נתן ויי לקח יהי שם יי מבורך.

גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט אװעקגענומען, גאָטעס װילען זיי געזעגנעט

דאָ שטעה איך, א אינגעל פון צװעלף יאָהר, און בין גאַנץ אַליין. אַליין, מיין גאָט! אין דיעזער גרויסער װעלט, אָהנע דעם קוש פון אַ מוטער און אָהנע דיא צערטליכקייט פון אַ פאַ-טער. אַליין שווים איך אויף דיא װעלען פון צייט, און דאָס װאָס אַנדערע אין מיין עלטער קענען געניסען און זיך ערפרייען, איז פון מיר אװעקגענומען געװאָרען. דיעזע װעלכע האָבען מיר געגעבען דאָס לעבען, דיעזע װאָס האָבען פעראורזאַכט מיין עקיזסטענץ, זיינען שוין מעהר ניט דאָ. זיי זיינען אװעק פון מיר און מיך איבערגעלאָזען צו מיין שיקזאַל — אַליין!

נאָך שמערצט מיך מיין הארץ און נאָך זיינען נאָס מיינע אויגען פון װיינען. מיינע טרעהרען טריקענען שװער. איך װיין און קלאָג נאָך מיינע פיעל געליעבטע עלטערן, װעלכע זיינען אװעק און מיך איבערגעלאָזען, און איך קען גאָר ניט אויפהערען צו טרויערן נאָך זיי.

איז דאָס מיין פעהלער װארום איך קאַן אָן זיי ניט פער-געסען? בין איך שולדיג אין דעם װאָס דיא ערינערונג לעבט נאָך אין מיר? איך געפין קיין פעהלער אין מיין שמערצענדען און ליידענדען ברוסט. איך טרייסט מיך בלויז, דאָס גאָט דער

שעפּער איז דער פֿאָטער פון אלע ווייזען, און ער זאָרגט יעצט פאר מיר.

עס איז וואהר, איך בין אליין, פערלאזען פון מיינע ליעבע און טייערע עלטערן, נאָר גאָט איז בארמהערציג צו מיר, און ער האָט מיר געגעבען עדעלע ערציהער און בעאָבאכטער, וועלכע ליעבען מיך וויא זייער אייגענעם קינד, און איך ליעב זיי אויך דאפיר פון מיין טיעפסטען הערצען.

זיי ווענדען אָן אלעם מעגליכעס מיך צו מאכען פערגעסען אָן מיין שמערץ און פערלוסט, און איך ווענדע אויך אלעס אָן צו געפינען טרייסט און האָפנונג אין זייער צערטליכע בע־בעהאנדלונג צו מיר.

גאָט איז גערעכט און בארמהערציג! אמוואָהל איך שפיר מיך מאַנכע מאָל זעהר אונגליקליך, געדענק איך אָבער זאָפאָרט דאָס אלעס וואָס גאָט טהוט איז קיין אונרעכט. גאָט טהוט קיין אונרעכט! איך בין פילייכט ניט אימשטאנדע צו בעגרייפען זיינע טהאטען, אָבער גאָט איז דיא גערעכטיגקייט זעלבסט.

ווער האָט מיר געגעבען עלטערן? גאָט האָט זיי מיר גע־געבען. ער האָט זיי אוועקגענומען, דאן וועל איך זאָגען מיט איוב׳ן:

„גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט אוועקגענומען, גאָטעס נאָ־מען זיי געזעגנעט“.

מיינע עלטערן זיינען טויט. עס טהוט מיר זעהר לייד פאר זיי. אָבער איך בין זיכער, דאָס איך קען זיי ווידער ניט לעבע־דיג מאַכען. זאָלען זיי אלזאָ רוהען אין אייביגען גליק און זעגען מיט גאָט, און צו עהרע פון זייער אָנדענקען וועל איך אלעס מעגליכע אָנווענדען צו זיין ארענטליך און גוט, דאמיט יעדער זאָל דאן זאָגען, דאָס אין דער קורצער צייט וואָס מיינע עלטערן האָבען פערבראכט אויף דיעזער וועלט, האָבען זיי געלאָזען א

זוהן וועלכער איז ווירדיג פאר זייער קורצעם אָבער עדעלעס לעבען.

פון דיעזען טאָג אָן דארף איך ערפילען דיא פליכטען פון אַ אידען.

מיין ערשטע אופגאבע בעשטעהט אין זיין אונטערטהעניג און פאָלגזאַם, אונטערגעבען און געהאָרכזאַם צו דיעזע, וועלכע זוכען און זאָרגען פיר מיין צוקונפט. איך וועל אלעס מעגליכע אָנווענדען נאָכצופאָלגען דיעזע אויפגאבע און טהאָן זאָ וואָס אום אַנדערע צו געפעלען, דאמיט מיר זאָל אויך גוט זיין.

אויף מיין לינקער האַנד און אויף מיין שטערען וועל איך מוזען לעגען דיא תפילין וועהרענד איך וועל דיענען גאָט מיין שעפער. אָבער איך בין ענטשלאָסען צו דיענען גאָט אויך דאַ־מאָלס ווען דיא תפילין וועלען ניט באציערען מיין האַנד און מיין שטערען.

מיין גוטער לעהרער האָט מיך געלערענט, דאָס זייענדיג נאָכגעביג, גוט און פאָלגזאַם צו עלטערע און ערפאהרענע מענ־שען, דאָס העלפענדיג און שטיצענדיג דיעזע וואָס זיינען אין נויט, דאַן דיענען מיר גאָט דעם הערר פון ישראל.

אבוואָהל איך בין נאָך זעהר יונג, האָט שוין מיין ערפאהרונג מיך זעהר פיעל געלערנט. איך פערשטעה פאָלקאָם דאָס מיין גאָט און שעפער פערלאַנגט ניט קיין אונמעגליכקייטען פון דעם מענשען, און דערפאר פרייט עס מיך אונגעהייער פיעל וואָס עס איז יעצט פון מיר ערפאָדערט איך זאָל ערפילען זיינע געבאָטען און בעפעהלע. איך בין שטאָלץ דארויף צו וויסען, דאָס איך בין שוין מענש גענוג מען זאָל מיר מעגען טרויען.

איך בין ענטשלאָסען אין מיינעם הערצען, צו זיין גוט און עדעל, און לויט וויא מיין ווערטהער לעהרער זאָגט מיר, איז א גוטער ענטשלוס דער אָנפאַנג פון אלע עדעלע טהאַטען.

אלעס וואָס ליעגט אין מיין מאַכט וועל איך אנווענדען צו איבערצייגען מיינע גוטע וואהלטהעטער דאָס זייער זאָרג פיר מיין צוקונפט איז ניט געוועזען אומזיסט, און אויף ווייטער בין איך זיכער, אז אלעס וואָס איך וועל טהאָן, וועט זיין רעכט און ריכטיג.

גאָט, דער בארעמהערציגער פאָטער, העלף מיר דורכצופיה־רען מיין ענטשלוס. אמן



our Merciful Father. But I will pray to Him not only then, but also when the *T'ffilin* do not adorn my hand and my head.

My good teacher has taught me that by being good and ebedient, by listening to those who have had the experience in life, by helping those who are in want—by these acts—we worship the Lord God of Israel.

Although I am very young, yet experience has already taught me a great deal. I fully understand that the Creator requires not from mortals to do what is impossible to perform, and therefore I am happy that from today on I am called upon to observe His Commandments and ordinances. I am proud of the fact that I am already man enough to be trusted with such holy commandments.

I resolved to be upright and good, and, according to what my worthy teacher has told me, a good resolution is the beginning of all noble deeds.

I will exert my utmost to convince the benevolent and kind people who took care of me that their care was not in vain, and, I am certain that in the future whatever I will do will be just and upright.

O God, Merciful Father, help me so that I may carry through my resolutions. Amen.



with noble and kind friends who raise me, teach me and love me as though I were their own child, and therefore I too, in turn, love them from the depth of my heart.

They do everything in their power to make me forget my great loss and grief, and I, on my part, do all I can to find consolation and hope in their very kind treatment.

God is just and merciful! Although at times I feel very despondent and unhappy, yet at the same time I am aware that whatever God does is not an injustice. God does no injustice to anyone! I am perhaps unable to comprehend His acts, but God is all-merciful.

Who gave me parents? God gave them to me. He gave them to me. He took them away, and with Job will I say:

יי נתן ויי לקח, יהי שם יי מברך

"God has given, God has taken away; May the name of the Lord be blessed."

My dear parents are dead. I am sorry for them. But I am certain that I am unable to bring them to life again. May they rest in everlasting peace with the Almighty God; and in honor of their memory, I will try my utmost to be upright and good, in order that everyone may say that my dear parents have left a son to succeed them who is worthy of their short but noble lives.

From this day on I am bound to perform all the duties of a Jew. My first and foremost duty shall be to be obedient and thankful to those who provide for me. I will do everything in my power to fulfill this duty, and act in such a manner as to secure the satisfaction and esteem of others and be satisfied myself.

Upon my left hand and upon my forehead I will be compelled to put on the *T'ffilin* every morning when I pray to



SPEECH NINE

For an Orphan Without Father and Mother

יי נתן ויי לקח, יהי שם יי מבורך

"God has given and God has taken away. May the name of the Lord be blessed."

Here I am standing today, a youth of twelve years, all alone. Alone, O Great God, in this great world of Thine, without enjoying the sweet kiss of a mother and the tender affection of a father. Alone do I swim upon the great billows of time, and what others, of my age, can enjoy has been bereft from me. They who gave me this life and brought me into existence are no more. They departed from me and left me to my fate—all alone.

My heart is still full of sorrow and woe, and my eyes are still wet from shedding tears. My tears dry very, very slowly. I shed bitter tears for my dear beloved parents who departed from me and left me alone, and I cannot and will not cease lamenting over them.

Is it my fault that I am unable to forget them? Am I to be blamed that their remembrance is still alive within me? I can find no fault in my painful, bleeding and sorrowful heart. I simply console myself with the idea that the Merciful God is the father of all orphans, and He will provide for me.

It is true, I am alone, abandoned by my dear beloved parents, but God was merciful to me, and He provided me

happiness, at all times He rewards those who deserve it, and He is always ready to fulfill the wish of the just one.


Relying upon this, I pray to Thee, O Merciful God, listen to the prayer of Thy youthful servant:

Thou, O Lord, who art the performer of justice and art full of mercy, help me so that I may be able to serve Thee; help me to be good, and protect my dear mother.

Merciful God, I pray to Thee for my mother, for she is everything in the world to me. She has been a father and a mother to me, and without her my life is of little value. She teaches me how to pray unto Thee that Thou mayest help me.

Protect her, therefore, Almighty God, from grief, sorrow, want and embarrassment; grant her health and courage, life and happiness, so that she may continue to bring me up as heretofore to fear Thee alone, obey Thy commandments and to be good and upright.

Fulfill my prayer, O great God in heaven, protect my noble mother and friends and bless this congregation. Amen.



tween good and evil, and would have led me upon the right path of life.

To my great sorrow and grief my noble father has departed from me and from my dear ones, and I was left under the leadership of my noble mother.

"Only under the leadership of my mother?" What have I said? How ungrateful I am!

יי לי לא אירא "When God is with me, I have no cause to fear!" The God who once declared Himself the אבי יתומים the father of orphans, is my father also, and will certainly not abandon me, but will lead me upon the right path which I am to follow.

I am convinced that God is with me, and I am full of happiness and courage when I am to start this day upon a new life and be answerable for my actions and deeds.

I will search for, and, with the help of God, I am sure to find the way how to be good and helpful to my dear mother, to my fellow-beings, and to myself.

The humane commandments of our holy Torah I shall never abandon, and I shall never cease studying them. They will lead me, and be for me a pillar of fire to shine by night and a cloud of glory by day to enable me to do what is good, to be polite and obedient to the one who is able to point out to me how to become a worthy man.

From this day on the *T'fillin* will adorn my hand and head, and these will remind me of the fact that God is merciful and is always kind to the friendless and the suffering.

I am an orphan, and who more than myself is in need of the protection of the Almighty God? I was taught that when I will call unto Him, He will answer me; and that whenever I request aught from him, He shall grant it to me. The Almighty Creator is the possessor of all wealth and



דרשה ב

געעהרטע פערזאַמלונג!

איידער איך וועל זאָגען איינִיגע ווערטער אין דער אַנגע־לעגענהייט פון היינטיגען טאָג, און זיין בעדייטונג פיר מיר, דריק איך אויס צו אייך, געעהרטע פערזאַמלונג, מיין דאַנק פון טיעפען הערצען פאר די עהרע און פריינדשאַפט, וועלכע איהר האָט געוויזען מיינע ליעבע עלטערן און מיר, מיט אייער בעזוכען אונז יעצט אין אונזער פאמיליען יום טוב.

איך בין היינט דרייצעהן יאָהר אַלט — בר־מצוה געוואָרען! איך געה היינט אריבער דעם גרענעץ פון מיין קינדערשען לע־בענס־פעריאָדע, וועלכע לעגט דיא פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַלע מיינע טהאַטען אויף מיר אליין, און שוין ניט מעהר אויף מיינע ליעבע עלטערן.

וויכטיג ערהאַבען און הייליג איז דיעזער טאָג פיר מיר!

און גראַדע יעצט, אריבער־טרעטענדיג דעם גרענעץ, שיי־דענדיג זיך מיט מיין קינדהייט, געפין איך אַלס מיין פפליכט צו בעדאַנקען מיינע ליעבע עלטערן וועלכע האָבען מיך ערצויגען און ביז צו דעם גרענעץ געבראַכט. מיט וואָס אָבער קאָן איך אויסשפרעכען מיין דאַנק? מיט וואָס, ליעבע עלטערן, קאָנן איך אייך בעצאָהלען פאר אלעס גוטעס וואָס איהר האָט מיט מיר געטהאָן? און געטהאָן האָט איהר דאָך זעהר פיעל, צערט־ליכע עלטערן! איהר האָט געזאָרגט פאר מיין געזונדהייט און

ענטוויקלונג קערפערליך און גייסטליך — און איך בין ניט אימ־שטאַנד אייך געגוג צו בעצאָהלען און זאָגאר גענוג צו בעדאנקען.

נעהמט אַלזאָ אָן, ליעבע עלטערן, דיא וואהרע און הייליגע געפיהלען פון דאַנקבאַרקייט און עהרע צו אייך, מיט וועלכע מיין הארץ איז פול, אַלס פאָרלויפיגע דאַנקבאַרקייט; און יעצט, ווען איך ווער שוין אַ מענש פון פעראַנטוואָרטליכקייט, פער־שפרעך איך אייך, ליעבע עלטערן, אין געגענוואַרט פון אַלע אונזערע פריינד, וועלכע געפינען זיך היער דאַ, דאָס איך וועל איממער אַלעס טהאָן וואָס אייער וואונש איז; איך וועל איממער געהן אין דעם גוטען וועג, וועלכען איהר און מיינע גוטע לעהרער האָבען מיר אָנגעצייגט; איך וועל פערבלייבען אַ טרייער זאָהן צו אייך, און אַ טרייער מיטגליעד פון אונזער פאָלק; מיינע אַלע טהאַטען זאָלען איממער גוט און אַנשטענדיג זיין אַלץ איד און אַלס מענש.

דאָס גלויב איך, וועט זיין פיר אייך, מיינע ליעבע עלטערען, אַ ריכטיג בעצאָהלונג לויט אייער וואונש, פאַר אַלעס וואָס איהר האָט מיט מיר ביז יעצט געטהאָן און וועט אויך ווייטער טהאָן.





דרשה ג

טהייערע עלטערן, געשעצטע לעהרער און ווערטהע פערזאמלונג.

מיט האָפפנונג אין הארצען, מיט פרייד אויפ'ן פנים, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען און מיט דעם בעסטען רעספעקט צו מיינע נייע שליחות שטעה איך היינט פאר אייך צום ערשטען מאָל היער דאָ, אַלס אַ נייער פעראַנטוואָרטליכער מיטגליעד פון אידישען פאָלק, און איך בין שטאָלץ וואָס פון היינט אָן בין איך אַ ציגעל צו דער גרויסער הייליגער געביידע, וואָס הייסט יודענ-טהום.

איך בין היינט דרייצעהן יאָהר אַלט, איך בין אַ בר-מצוה, דאָס הייסט פון יעצט אָן געהער איך צו דער ארמעע פון אלהי צבאות. איך בין אַ סאָלדאַט פון פריעדען, ווייל דער פונדאַמענט פון דער אידישער רעליגיאָן איז נור: „חסד ואמת נפגשו, צדק ושלום נשקו", דאָס הייסט צוזאַמענשמעלצען גוט-הערציגקייט מיט וואהרהייט און יושר מיט פרידען, און פון יעצט אָן בין איך בערעכטיגט צו טראָגען דעם געטליכען מונדיר: דיא תפלין, און וואָס איז דיעזער מונדיר? מיין קאָקאַרדע איז דער של ראש און מיין דעקאָראַציאָן איז דער של יד. מיט דיעזע סימבאָלישע ציערונג פון יודענטהום, וואָס דערמאָנט מיר דעם שעהנסטען קאַפּיטעל פון אונזער אַלטער היסטאָריע, מיט דער דעקאָראַציאָן פון אל שדי טרעט איך אריין אָפיציעל אין דיא רייהען פון מיין פאָלק, און איך פערשפרעך צו מאכען עהרע מיין גאָט, מיינע עלטערן, מיינע וועגווייזער, מיין נאַציאָן. און איך הער

יעצט וויא דיא שטיממע פון מיין געוויסען מורמעלט מיר: „חזק ואמץ"! שטארק זיך צו זיין אַ פאַלשטענדיגער איד צו גאָט און צו לייט.


אַלמעכטיגער ארכיטעקט פון דער וועלט! איך וויים אז איך בין צו יונג צו קענען אָבשאצען דיא טייערע ווערטה פון דיא לעבענדיגע ברילִיאַנטען, וואָס דוא האָסט אונז געגעבען בירושה און וואָס מיר האָבען געפיהרט איבעראל דורך דיא לאַנגע נאַכט פון גלות, איך וויים, דאָס איך בין צו קליין צו שטעהען היער און רעדען פיר אַזאַ גרויסאַרטיגען עולם פון לומדים און חכמים וועגען דיא פליכטען פון יודענטהום. אָבער איך שטיץ מיך אויף דיא ווערטער וואָס דער אַלטער תהלים זאָגט אונז: „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז". דאביי האָבען אונזערע געלעהרטע, חכמים, ערקלעהרט: „אין עוז אלא תורה". דאָס הייסט זאָגאר דיא קלענסטע קינדער מעגען בעקאַנט ווערען מיט דיא לעהרע פון יודענטהום, וואָס עס איז אונזער פאַנצער און אונזער לייכט טהורעם, אונזער נשמה און אונזער געטליכער אוצר. איך האָב אויך טיעף אויסגעקריצט אין מיין זעעלע דיא ווערטער פון קהלת, וואָס מיין רבי האָט מיט מיר געלעהרנט: „זכור את בוראך, בימי בחורותיך", „געדענק דיין הימלישען בעשעפער, ווען דוא ביזט נאָך גאַנץ יונג", און היינט צו מיין בר־מצוה בעט איך גאָט ער זאָל מיר געבען כח און קראַפט, מוטה און ווילען צו געהן אין ריכטיגען וועג אום איך זאָל קאָנען ערפילען מיינע פליכטען אַלס איד און אַלס עהרענבירגער פון לאַנד.

און איהר, מיינע ליעבע עלטערען, דוא מיין הערצענס געליעבטע מוטער און טהייערער פאָטער, וואו נעהם איך ווערטער אום צו קאָנען אויסדריקען מיין דאַנקבארקייט צו אייך פאר אַלעס וואָס איהר האָט מיט מיר געטהאָן זייט איך האָב בעגריסט דיא זונן ביז היינטיגען טאָג? ווי אזוי קען איך אייך אָבדאַנקען פיר אייער ליעבליכער בעהאַנדלונג צו מיר? אונזער שלמה החכם

האָט געזאָגט אין זיין משלי: „בן חכם ישמח אָב ובן כסיל תוגת אמו“, דער קלוגער זוהן דערפרעהט דעם פאָטער און דער נאַרישער זאָהן ברענגט טרויער זיין מוטער“. איך וועל מיר דיא גרעסטע מיהע געבען, טהייערסטע עלטערען, אייך צו פער־שאַפען איממער נחת און איך צווייפעל ניט אַז גאָט וועט אייך בעלוינען מיט לאַנגע יאָהרען, געזונדהייט, גליק און נחמה פון אַלע אייערע קינדער.

דאָס איז מיין האָפנונג, דאָס איז מיין געבעט, דאָס איז מיין ברכה און מיין וואונש לכבוד מיין בר־מצוה; אויך צו אייך, ווערטהע פערזאַמלונג וואָס איהר זייט געקומען באשיינען מיין בר־מצוה, ויי יברך את עמו בשלום.





דרשה ד

ליעבע עלטערן און האָכגעשעצטע פריינד!

איך דאַנק אייך פון מיין טיעפען הערצען פאר אייער פריינד־ליכקייט און פאר אייער קומען צו מיין בר־מצוה. איך בין היינט געוואָרען דרייצעהן יאָהר און דערמיט אַ מיטגליעד פון דער אידישער געמיינדע, פון דעם אידישען פאָלק. איהר זייט געקו־מען אום מיך אויפצונעהמען אין אייער געזעלשאַפט, מיך צו בעגריסען אלס איד, אַלס מענש און אלס בירגער. איהר זייט געקומען מיר צו געבען אייער האַנד פון פריינדשאפט, מיר צו ווינשען גליק צו מיין איינטריט אין דיעזער געשעצטער געזעל־שאַפט, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פון אונזערע גרויסע און בעריהמטע אורעלטערן אברהם יצחק ויעקב, איהר האָט מיר געצייגט דערמיט אַ גרויסע עהרע און איך דאַנק אייך דערפאַר נאָך אַמאָהל.

איך בין צוואר נאָך יונג, אָבער איך קאָן שוין דיא היילינע פפליכטען פון אונזער רעליגיאָן, די עלטעסטע פון אַלע רעלי־גיאָנען, איך האָב געהאַט דאָס גליק געבאָרען צו ווערען אַ איד און ערצויגען צו ווערען אַלס איד, אָבער ערשט היינט בין איך געוואָרען בר־מצוה, דאָס הייסט, איך בעדארף פון היינט אָן שטרעבען צו פערדינען דיעזע עהרע, ווירדיג צו זיין אום צו טראָגען דיעזען נאָמען, ווערען בר־מצוה הייסט ווערען אַ איד, ווערען אַ גוטער מענש, ווערען אַ גוטער בירגער פון׳ם לאַנד, אין וועלכען מיר וואהנען. איך וויים אז איך בעדארף נאָך זעהר

פיעל לעהרנען אום צו וויסען און צו פערשטעהן אַלע פּפליכטען פון אַ אידען, איך ווייס, אַז איך בעדאַרף נאָך זעהר פיעל לערנען אום צו וויסען אלע מיינע שולדען און איך האָב דארום פעסט בעשלאָסען דאָס אַלעס צו לערנען און צו קאָנען. איך בעט אייך דארום, ווערטהע פריינדע פון מיינע ליעבע עלטערן וועלכע זענען געקומען אַנטהייל נעהמען אין מיין שמחה, איהר זאָלט זיין אויך מיינע פריינד און זאָלט מיר ווייזען דעם וועג אויף וועלכען איך זאָל געהן אין מיין לעבען.

דיא ערשטע און וויכטיגסטע פּפליכט פון יעדען גוטען מענשען אין אלגעמיין, בעזאָנדערס אָבער פון אַ אידען, איז דאַנקבארקייט, מען זאָל קיינמאָל ניט פערגעסען ווער עס האָט עטוואס גוטעס געטהאָן פיר מיר, אָבער ווער האָט מיר מעהר גוטעס געטהאָן, אַלס מיינע ליעבע עלטערן? — זיי האָבען מיך געשפּייזט און ערנעהרט פון מיין געבורט ביז אויף דעם היינטיגען טאָג, זיי האָבען געוואַכט איבער מיר טאָג און נאַכט ווען איך בין קראנק געוועזען און זיי האָבען זיך געזאָרגט פאר מיר, ווען איך בין געזונד געוועזען, זיי האָבען מיך ערצויגען, זיי האָבען מיך גלעאָזט לערנען, זיי האָבען מיך געמאַכט פאר אַ מענשען, און זיי זאָרגען זיך נאָך יעצט פאר מיר. איך געפין עס דארום אַלס מיינע ערשטע און וויכטיגסטע פּפליכט אויסצושפּרעכען מיין הערצליכסטען, איניגסטען דאַנק מיינע ליעבע עלטערן, פאר אַלעס גוטע וואָס זיי האָבען געטהאָן פאר מיר ביז יעצט און וואָס זיי זיינען בערייט צו טהאָן פאר מיר ווייטער.

ליעבע, גוטע געטרייע עלטערען! איך האָב ניט גענוג ווערטער, מיט וועלכע אייך צו דאַנקען. מיינע ליפּען זיינען צו שוואַך אויסצודריקען מיינע געפיהלען און מיין דאַנקבאַרקייט, וועלכע איך פיהל אין דיעזער מינוט. מיין צונג קען עס ניט ארויסרעדען, איך פיהל עס אָבער אין מיין טיעפען הערצען אז איך באדארף מיין לעבענלאַנג אייך שעטצען, אייך אכטען, אייך ליעבען, אייך עהרען און אייך פאָלגען.

איך װענד מיך יעצט צו אייך, האָכגעשעצטע אַנװעזענדע. איך װײס עס גאַנץ גוט, אז ניט איך האָב אייך איינגעלאַדען, זאָנדערן מיינע ליעבע עלטערן, איהר זייט געקומען ניט צו מיר, זאָנדערן צו מיינע עלטערן, אָבער איהר זייט געקומען צו־ליעב מיר, װייל איך בין היינט געװאָרען בר־מצוה, װייל איך האָב היינט גענומען אויף מיר דיא הייליגע פפליכטען פון א אידען און פון א גוטען מענשען.

איהר זייט דיא פריינד פון מיינע גוטע און ליעבע עלטערן, זייט אויך מיינע פריינד. יעדער מענש דארף האָבען גוטע פריינד. דער ציװיליזירטער מענש קען ניט לעבען אליין, ער מוז לעבען מיט מענשען און צװישען מענשען, װעלכע זאָלען איהם ביי־שטעהן אין גוטע און שלעכטע צייטען מיט ראטה און טהאַט. איך, אלס יונגער מענש, דארף געװיס האָבען אייער געזעלשאפט, אייער גוטען ראטה, אייער ערפאהרונג און אייער לעבענס קענט־ניסע.

עס װעלען געװיס נאָך פאָרקומען פיעלע פעלע אין אונזער לעבען, װען מיר װעלען װיעדער זיך צונויפקומען, װען מיר װעלען װיעדער זיצען צוזאַמען ביי איין טיש און מיר װעלען נאָך האָבען פיעלע געלעגענהייטען צו בעװייזען איינער דעם אַנדערען דעם גרױסען װערטה פון װאהרע פריינדשאפט. איך האָף, אז איהר װעט דאן ניט בערייען, װאָס איהר האָט מיך אויפגענומען אין אייערע װערטהע געזעלשאפט.

איך בעט צו גאָט, אז אַלע פעלע און אַלע געלעגענהייטען, בייא װעלכע מיר װעלען זיך צונויפקומען זאָלען זיין פרעהליכע, אַנגענעהמע און גליקליכע בעגעבענהייטען פון אונזער לעבען און אלע, איצט היער אַנװעזענדע זאָלען האָבען צו דערצעהלען נור גוטעס און פרעהליכעס, װאָס מיט זיי האָט פאַסירט.

גאָט זאָל העלפען, מיינע ליעבע עלטערן און אייך אלע אַנ־װעזענדע, מיר זאָלען געהן איינער צום אַנדערן נור אויף שמחות און נאר אויף פרעהליכע און אַנגענעהמע אַנגעלעגענהייטען. אָמן.



דרשה ה

האַכגעשעצטע דאמען און הערען!

בן שלש עשרה אנכי היום.

היינט האָב איך עררייכט מיין דרייצעהניאָהריגען לעבענס עלטער, אין וועלכען איך ווער אַנערקענט אַלס מיטגליעד אין דער אידישער געמיינדע. פון היינט אָן בין איך פערפליכטעט אַנצונעהמען דיא אלע געזעטצע בעפעהלע, וועלכע ער האט בע־פאָהלען זיין פאָלק ישראל, — ווי אונזערע חכמים האָבען ער־קלעהרט „בן שלש עשרה שנה למצות“.

און דעריבער ווער איך היינט טיטולירט מיט דעם נאָמען „בר מצוה“, וועלכער בעצייגט, דאָס פון היינט אָן האָב איך אויף זיך גענומען דיא אויפגאַבע צו דינען גאָט מיט מיין גאַנצען קראפט און מאַכט. דיא ערשטע פפליכט וואָס אויף מיר ליגט איז אָנצוקליידען אויף מיין קאָפּ און האנד די „תפילין“, וועלכע דערמאָנען אונז געזעטצע גנאדע וואָס ער האָט בעצייגט אונזערע אור־עלטערן אלס ער האָט זיי ארויסגעפיהרט פון דיא עגיפּטישע שקלאַפעריי.

שוין אונגעפעהר צוויי טויזענד יאָהר אלס אונזער פאָלק ישראל איז פערטריבען און פערוואָגעלט אין פרעמדע לענדער, און דיא אלע פעלקער האָבען איממער געשטרעבט אונז צו פערניכטען, אָבער דער אַלמעכטיגער גאָט בעשיצט אונז איממער

מיט זיינע פליגלען, און טראָגט דיא אלע ליידען און שמערצען וואָס מיר האָבען, שטעהען מיר פעסט צו פראָקלאַמירען פאַר דער גאַנצער וועלט דיא גאָטעס לעהרע, וועלכע בעגליקט דיא מענשהייט.

דיא איינפאַכע פּראַזע, וועלכע שטעהט געשריבען אין דיא תפילין „למען תהיה תורת יי בפיך" בעלייכטעט אונזער וועג. זיא לערנט אונז צו וויסען ווי זיך אויפצופיהרען אויף דער וועלט. וויא צו ליעבען וואהרהייט און פריעדען. צו געבען ברויט דיא הונגעריגע, צו ליעבען דעם פרעמדען, צו העלפען דעם עלענדען און נויטבעדערפטיגען.

וויא פרעהט עס מיך יעצט בעטראַכט צו ווערען אלס מיט-גליעד צו מיין ליעבען פאָלק איך זאָל גלייך מיט זיי קאָנען מיט מאַכען גאָטעס דיענסט און ערפילען מיינע שולדען צו דער מענשהייט.

פיר דיעזע אלע געפיהלע בין איך שולדיג נור מיינע ליעבע עלטערן, וועלכע האָבען מיר איממער געלערנט גוטעס צו טהאָן, און האָבען מיך בעזאָרגט מיט גוטע לעהרער, וועלכע האָבען פערפלאַנצט אין מיין האַרץ דיא אידישע מאָראל און גאָטעס לעהרע.


ערלויבט מיר, טייערע עלטערן, אויסצודריקען מיינע גע-פיהלען, וואָס מיין קינדערליכעס האַרץ פיהלט צו אייך פיר דאָס גוטעס וואָס איהר האָט געטהאָן געגען מיר פון מיין געבורט ביז היינט.

גיבט עס אין דער מעגליכקייט ליעבער פאָטער דיר צו בעדאַנקען פיר דיא אַלע וואהלטהאַטען, וועלכע דוא האָסט מיט

מיר געטהאָן? איז דען מיר מעגליך, ליעבע טייערע מוטער דיר אויסצודריקען מיינע דאנקגעפיהלע פאַר דיינע גוטע און מילדע האנדלונגען?

לאמיר האָפען דאָס איהר וועט שניידען מיט לוסט וואָס איהר האָט מיט טרעהרען פערזייט.

מעג אייך דער אלמעכטיגער גאָט שענקען א גליקליכעס עלטער און איהר זאָלט זיך זעטיגען מיט פערגעניגען פון אייערע קינדער און קינדס קינדער.





דרשה ו

ליעבע עלטערן און געשעצטע פערזאמלונג.

היינט איז מיין געבורטסטאג און ביי מיר איז דער טאג איממער א יום טוב, אבער דאס איז נאך ניט גענוג מיר צו געבען מוטה צו שטעלען זיך ריידען פאר א פובליקום. היינט איז אבער ביי מיר מעהר יום טוב וויא אלע יאהר. היינט איז מיר געווארען דרייצעהן יאהר, און איך בין בר-מצוה! איך געזעגנע זיך מיט די קינדערשע יאהרען און טרעט אריין אין א נייע עפאכע.

איך בין שוין א איד און איך בין שטאלץ מיט דעם, וואס יעצט ליגט אויף מיר דיא פפליכט אבצוהיטען אלע גאט׳ס געבאט גלייך מיט אייך אלעמען, ווערטהעס פובליקום. דאס גיט מיר מוטה אויסצודריקען פאר אייך מיינע געפיהלען היינט.

ליעבע עלטערן!

צו ערשט וועל איך רעדען צו אייך. איך וויל אייך פון דעם פלאץ דאנקען פאר דיא גוטעס, וואס איהר האט פאר מיר געטהאן, און בעטען אייך איהר זאלט מיר פערצייהען פאר דיא שמערצען, וועלכע איך האב אייך פעראורזאכט מיט מיין ניט געהארכזאם זיין, מיט מיינע קינדערש-נארישע מעשים. יעצט, היינט איז דיא צייט איך זאל אייך בעטען אום פערצייהונג, ווייל איך האב ניט פערשטאנען מיט מיין קינדערשען שכל וויא זיך אויפצופיהרען און וויא אייך צו שעצען.

יעצט, ווען איך ווער בר־מצוה, און איך אליין ווער פאר־אנטוואָרטליך פאר אַלעם וואָס איך וועל טהאָן, בעט איך אייך, ליעבע עלטערן, נעהמט ניט צו אייער אויג פון מיר, זייט וויא פריהער מיינע וועג־ווייזער, צייגט מיר אָן וואָס צו טהאָן און ווייזט מיר דיא ריכטיגע וועג, אויף וועלכע איך בעדארף געהן. איך וועל אייך אימּמער געהאָרכזאַם זיין, און איך וועל שטרע־בען צו זיין דאָס וואָס איהר ווינשט, און וואָס איהר האָפט איך זאָל זיין.

אין אייער אנוועזענהייט, געעהרטעם פובליקום, זאָג איך צו, דאָס דיא תפילין וועלען מיך צובינדען צו מיין נאַציאָן, איך וועל היטען און איך וועל טייער האַלטען, וואָס בייא אונזער פאָלק איז טייער.

איך בין שטאָלץ וואָס איך בין אַ איד, אַ קינד צום פאָלק וואָס האָט פערשפרייט ליכט און בילדונג אויף דער גאַנצער וועלט, וויל דיא אידישע תורה איז דער קוואַל פון וויסענשאַפט און מאָראַל, יושר און וואהרהייט, פרייהייט און גלייכהייט.

איך וועל אימּמער שעצען דיא תורה און דיא שפּראַכע, אין וועלכע זיא איז געשריבען און אונזערע נביאים האָבען נביאות געזאָגט; איך וועל אימּמער ליעבען מיין רעליגיאָן און דאָס הייליגע לאַנד צו וועלכע מיר אַלע האָפען זיך צוריק צו קעהרען.

איך בעט גאָט, און דאָס איז מיין ערשטע תפלה — שיק דיין ברכה צו מיינע ליעבע עלטערן, דערלענגער זייערע יאָהרען און גיב זיי רייכטהום און גליק; זאָלען זיי האָבען נחת פון אַלע זייערע קינדער. שיק אויך דיין ברכה צו מיינע שוועסטער און ברידער, אָנקעלס און טאַנטעס און צו מיין גאַנצער משפחה. געבענשט זאָלען זיין מיינע לעהרער און דאָס גאַנצע פובליקום, וועלכע נעהמען אַנטהייל אין אונזער שמחה של מצוה, געבענשט זאָלען זיין אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט, זאָלען זיי זיך אומקעהרען צו זייער אַמאָליגען גרויסען שטאָלץ און צו זייער פאטערלאַנד. אמן.



דרשה ז

ליעבע עלטערן און געעהרטע געסט!

איך שטעה יעצט על פרשת דרכים, אויפ׳ן שיידע וועג: פון איין זייט ליגט מיין דרייצעהן־יאָהריגע פערגאַנגענהייט, און דער צווייטער זייט פאַנגט זיך אָן מיין אונבעקאַנטע צו־קונפט.

מיין פערגאַנגענהייט וואָס האָט פערשלונגען מיין קינדהייט, איז אויסגעוועבט פון וואונדער־שעהנע פאַנטאַזיעס, פון ריינע אומשולדיגע געדאַנקען, פון הימלישע געטליכע מעלאָדיען און פון גן־עדן זיסע חלומות... און יעצט, ווען איך בעדאַרף זיי אַלעמען זאָגען מיין לעצטען אַדיע, ווערט מיין האַרץ פול מיט אומעט, טרויער און בענקשאַפט.

אָבער, ליעבע עלטערן! איך בין ניט פערצווייפעלט, איך מיין נאָר מאַכען וויא מען זאָגט א יזכור מיין פערשטאָרבענע קינדהייט, אָבער מוטהלאָז בין איך ניט.

ביז יעצט בין איך פאררעכענט געוועזען אַלס קינד, אַלס קליינער אינגעל, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין רעליגיעזע פפליכטען וויא אַלע אַנדערע אידען, וועלכע האָבען שוין דער־גרייכט דרייצעהן יאָהר, און וועמענס זינד זיינען צוגעשטעלט געוואָרען צו זיין פאָטער׳ס חשבון. פון יעצט אָן אָבער בין איך א פאָלקאָמענער איד און איך בין זעלבסט פעראַנטוואָרטליך

פיר אַלע מיינע זינד. איז דען אַזאַ ענדערונג ניט אַ עהרענהאַפ־טערע, אַ שעהנערע און אַ זעלבסטשטענדיגערע?

אין פסוק איז געשריבען: „ויגדלו הנערים, ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה ויעקב איש תם יושב אהלים“. אויף דעם זאָגט דער מדרש רבה (סעיף ס״ג): ר׳ לוי אמר משל להדס ועצבנית (חוח) שהיו גדלים זה על גבי זה וכיון שהגדילו והפריחו, זה נותן ריחו וזה חוחו; כך, כל שלש עשרה שנה שניהם הולכים לבית הספר ושניהם באים מבית הספר. לאחר שלש עשרה שנה זה הולך לבתי מדרשות וזה הולך לבתי עבודה זרה. אמר רבי אליעזר עד שלש עשרה שנה צריך אדם להטפל בבנו, מכאן ואילך צריך שיאמר „ברוך שפטרני מענשו של זה“.


אַ מירטע (הדס) און אַ דאָרן האָבען געוואקסען איינע לעבען דעם צווייטען. ווען זיי זיינען אויסגעוואקסען און איינ־געבליהט, האָט דיא מירטע פערשפרייט איהר דופט, איהר גע־שמאַקען גערוך, און דער דאָרן זיין דאָרנשטרויך. אזוי זיינען אויך געוועזען יעקב מיט עשו׳ן. ביז דרייצעהן יאָהר געהען זייא ביידע אין שוהלע און קומען צוזאַמען פון דאָרטען; אָבער נאָך דרייצעהן יאָהר געהט איינער (יעקב) אין בית המדרש און דער צווייטער (עשו) אין דיא געטצען הייזער. אויף דעם האָט רבי אליעזר געזאָגט אַז ביז דרייצעהן יאָהר בעדאַרף אַ פאָטער אויפפאַסען אויף זיין זאָהן, דערנאָך בעדאַרף ער זאָגען: גע־בענשט איז דער, וועלכער האָט מיך בעפרייט פון דער שטראפע פיר דיעזען.


אָ, ליעבער גוטער פאָטער! ביז יעצט ביזטו געוועזען פעראַנטוואָרטליך פיר מיינע טהאַטען און אויף דיינע פלייצעס פלעגט פאַלען דיא לאַסט פון מיינע זינד. וויא צוויי גוטע מלאכים פלעגסטו, צוזאַמען מיט מיין טייערע מוטער, פיהרען מיך און בעגלייטען מיך אויף מיין לעבענס־וועג, אלע מיינע ווינשע פלעגט איהר ערפילען, אַלע מיינע פערלאַנגען פלעגט איהר נאָכגעבען און אַלע מיינע בעדערפניסע פלעגט איהר מיר

פערשאַפען. גלויבט מיר, טרייע עלטערען, אַז אַבוואָהל איך בין נאָך יונג, דאָך פערשטעה איך זעהר גוט וויא צו שעצען אייער ליעבע און אייער איבערגעבענהייט צו מיר; אָבער איך בין נאָך יעצט ניט אין שטאַנד צו בעלוינען אייך זאָגאַר פאר אַ קליינע טהייל פון אייערע חסדים.

אָבער איין זאַך זאָג איך אייך צו: איך וועל זעהר אַכטען דיא אַלע פפליכטען, וואָס היינטיגער טאָג לעגט אויף מיר ארויף, און דיא פעראַנטוואָרטליכקייט וואָס איך האָב היינט איבערגענומען, וועל איך שטענדיג האָבען אין זינען אזוי וויא יעקב אבינו, אויף וועלכען דער מדרש זאָגט אז נאָך דרייצעהן יאָהר פלעגט ער געהן לבתי מדרשות, עס הייסט: ער פלעגט לערנען פלייסיג און זיין צוגעבונדען צו זיין פערגאַנגענהייט. אזוי וועל איך אויך ניט אָבטרעטען פון דעם וועג וואָס איהר האָט מיר אָנגעצייגט. וואו איך וועל זיין וועט אומעדום קלינגען אין מיינע אויערען ווי אַ געטליכע שטימע — „עברי אנכי“! איך בין אַ איד. מיט לייב און זעעלע וועל איך זיין צוגעבונדען צו אונזער גרויסער נאַציאָן, צו אונזער וואונדער שעהנער און טיעף טראַגישער פערגאַנגענהייט, צו אונזער טיעף-זיניגע טראַדיציאָנען און צו אַלע אונזערע לעהרע. צוזאַמען מיט אונזער פאָלק וועל איך טראגען דעם גרויסען היסטאָרישען פעקעל צרות, פון וועמעס שווערקייט עס בייגען זיך אָפט ניט ווילענדיג דיא שטאָלצע קעפּ פון דיא מכביער׳ס אייניקלאַך, און צוזאַמען מיט איהם וועל איך שטרעבען און האָפען, האָפען און שטרעבען צו אַ בעסערע און צו אַ ליכטיגערע צוקונפט. איך וועל שטענדיג ליעב האָבען אונזער נאַציאָנאַל שפּראַך, דיא שפּראַך פון אונזערע נביאים, דיא העכסט פּאָעטישע שפּראַך, וועמעס מוזיקאלישער דיאלעקט האָט אַמאָל בעצויבערט דעם אַלטען לבנון און דעם ירדן, און וועלכע לעבט יעצט ווידער אב אין די גלות-לענדער, און איבערהויפּט אין ארץ ישראל וואו אונזער אלטער שטערן איז פערלאָשען געוואָרען און וואו אַ נייער שטערן געהט פיר אונז אויף . . .

אייך, ווערטהע געסט, דאַנק איך פון טיעפען הארצען פאר דיא פריינדשאפט און פאר דיא עהרע, וואָס איהר האָט מיינע עלטערן און מיר היינט געצייגט, און איך פערזיכער אייך, אז איך וועל אָנווענדען אַלע מיינע קרעפטען אום צו זיין אַ טרייער און ווירדיגער מיטגליעד פון אונזער גייסטרייכער אמה, ווערמעס פאָהן איך וועל מיט שטאָלץ טראָגען ביז מיין לעצטער מינוט, און ווערמענס עהרע וועט זיין מיין קדשי קדשים, וועלכע איך וועל שטענדיג זיין געגרייט צו בעשיצען מיט מיין מארך, מיט מיין בלוט, זאָגאר מיט מיין לעבען.





דרשה ח

גערערטע פערזאמלונג!

איהר האָט אונז בעעהרט און געקומען אַנטהייל נעהמען אין אונזער שמחה, מיין בר־מצוה, איך בעדאַנקע אייך הערצליך פיר דיא פריינדשאפט. גיב גאָט דאָס מיר זאָלען אייך קענען אבדאַנקען מיט אונזער געגענוואַרט בייא אייך אויף שמחות.

מיינע ליעבע עלטערן!

איהר האָט מיך אויפגעצויגען צו דיעזען האָכבעדייטענדען טאָג. דורך אייער מיהע, דורך אייער זאָרגען פאר מיר בין איך זאָ וויט געקומען. און מיט דיא הילפע פון מיינע גוטע לעהרער וועלכע איהר האָט מיר איממער פערשאַפט, פערשטעה איך צו שעצען דעם נאָמען ישראל, וועלכען עס טראגט אונזער פאָלק אין אלגעמיין, און יעדער איינציגער איד בעזאנדער; אויך אונזער פערבינדונג מיט דיא הייליגע תורה, וועלכע איז דיא נשמה, דער לעבענס־קראַפט פון אונזער פאָלק. און דאָס איינציגע וואָס איך ווינשע מיך יעצט איז, דאָס דער אַלמעכטיגער זאָל מיר דיא מעגליכקייט געבען אייער וואונש איממער אויס־צופיהרען און איממער בלייבען טרייא דעם נאָמען „ישראל“, דעם פאָלק „ישראל“ און דיא תורת ישראל.


היינט איז מיין בר־מצוה, דאָס הייסט איך ווער איינער דער, וועלכער מוז מצוות טהאָן. איך בין שוין ניט מעהר קיין קינד, זאָנדערן אַן ערוואַקסענער. פון היינט אָן בין איך זעלבסט

פעראנטוואָרטליך פאר אלעס וואָס איך טהו, פון היינט אָן ווער איך אַלס פאָלשטענדיגער איד בעטראכט; און דערפאר גיב איך מיין עהרען וואָרט, מיין ערשטען פערשפרעכען, צייט מיין לעבען, מיין אויפגאבע אלס אידישער קינד און זאָהן דעם פאָלק׳ס ישראל ניט אויפצוגעבען; צו בעפאָלגען אלעס וואָס פון א איד פאָדערט זיך; צו ליעבען מיין פאָלק און פערטהיידיגען אידען! צו דאנקען אימער גאָט וואָס ער האָט מיך פאר א אידען געמאכט, און אייך ליעבע עלטערן, וואָס איהר האַט מיך צו דעם צושטאַנד געבראכט.

אין דעם טאָג וואָס איך טרעט אריין אין דער אידישער ארמעע בין איך גערן אויך איינער פון דיא טרעגער דעם אידישען פלעג; און איך וועל מיט עהרע און שטאָלץ אימער פארהייליגען אונזערע הייליגע פרינציפען, אָבהיטען דאָס וואָס אונז איז פערזאָגט און בעאָבאַכטען אלעס וואָס אונז איז פאָרגעשריבען.

דאָס אלעס נעהם איך אויף מיר פון היינטיגען טאָג אָן גלייך מיט אללע מיינע גלויבענם גענאָססען, און גאָט זאָל מיר דאצו העלפען. אמן.





דרשה ט.

(פיר א יתום אהן א פאטער)

יי לי לא אירא

(ווען גאט איז מיט מיר פירכטע איך ניט)

ווען מיין פאטער וואלט היינט געלעבט, וואלט ער מיך אריינגעבראכט אין גאטעס הויז אום צו ווערען א מיטגליעד פון זיין הייליגער געמיינדע. אבער מיין גוטער און ליעבער פאטער איז טויט און מיין איינציגע בעסטע פריינדין אין דער וועלט, מיין פיעל-געליעבטע מוטער ערפילט יעצט דיעזע פליכט.

ווען מיין פאטער וואלט געלעבט, וואלט איך נאך א יאהר צייט געוועזען פריי אין מיינע טהאטען און מיין פאטער וואלט געוועזען פעראנטווארטליך פיר מיר צו גאט איבער מיינע אויפ-פיהרונגען.

אבער מיין פאטער בעפינדעט זיך יעצט ביי זיין פאטער, ביי גאט אין הימעל, און איך בין ערווארט געווארען, דאס ניעמאנד קאן מעהר פעראנטווארטליך זיין פיר מיר, אונד דאפיר בין איך בערופען געווארען צו מיין צוועלפטען יאהר צו ער-פילען דיא פליכטען פון א אידען, צו עהרע פון מיין פאלק, מיין נאציאן, מיין פערשטארבענעם פאטער און פיר מיין טייערע מוטער.

יא, איך בין ערשיענען אין גאטעס הויז און בערייט צו טהאן דאס, וואס עס ווערט פון מיר פערלאנגט.

איך בין אַ איד, און אלס איד מוז איך לעבען. צו לעבען אַלס איד, מוז איך פירכטען גאָט, און ווען איך טהו דאָס, דאַן וועל איך געליעבט און געשעצט ווערען פון גאָט און פון מענשען, און מיין טייערע און ליעבע מוטער וועט זיין גליקליך דאמיט.

ווען מיין פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט עס מיך געווים מעהר געפרייט וויא יעצט, אלס ער האָט אונז פערלאָזען. מיין עדעלער און גוטער פאָטער האט געוואוסט צו אונטערשיידען פון גוטעס ביז שלעכטעס, און ער האָט מיך, זיין זוהן, געפיהרט אויף דעם ריכטיגען וועג פון פליכטען און טהאָן גוטעס.

צו מיין טיעפסטען בעדויערען און טרויער איז דיעזער פאָטער אוועק פון מיר, און איך בין בלויז צוריק געבליעבען אונטער דיא אויפזיכט פון מיין מוטער.

אונטער דער לייטונג פון מיין מוטער? וואָס האָב איך געזאָגט? וויא אונדאַנקבאר איך בין!

יי לי לא אירא! גאָט איז מיט מיר, פירכטע איך ניט! דער גאָט וואָס האָט זיך איינמאָל ערקלעהרט אלס דער אבי יתומים, דער פאָטער פון ווייזען, איז אויך מיין פאָטער, און ער וועט מיך פיהרען, לייטען און מיר צייגען דעם ריכטיגען וועג וואָס איך דאַרף נאָכפאָלגען.

איך שפיער עס אין מיין הארצען, דאָס גאָט איז מיט מיר, און איך בין פול מיט פרייד און מוטה אין דעם אָנפאַנג פון מיין לעבענס-וועג אויף מיין אייגענער פעראנטוואָרטליכקייט.

איך וועל זוכען און איך וועל פינדען דעם וועג צו זיין גוט פיר מיין מוטער, פיר מיינע מיט-מענשען און פאָלגליך פיר זיך זעלבסט.

דיא היילינע געבאָטע פון גאָטעס היילינער תורה זאָלען מיך ניעמאַלס פערלאָזען, און איך וועל ניעמאלס אויפהערען זייא צו שטודירען.

זיי זאָלען זיין מיין וועג-ווייזער, מיין עמוד-האש ביי דער נאַכט און מיין עמוד-הענן ביי טאָג, אום צו טהאָן גוטעס, זיין עדעל און געהאָרכזאַם צו יעדען, וואָס קען מיר צייגען וויא צו ווערען א בראַוור מאַן.

פון היינט אָן און וויטער וועלען תפילין בעצירען מיין האַנד און שטערען; אין דיעזע תפילין ווערט אונז עראינערט אז גאָט איז בארמהערציג און טהוט אימער גוטעס מיט דעם עלענדען און ליידענדען.

איך בין א יתום און איך בענויטיג זיך אין דעם שוטץ פון דעם אלמעכטיגען גאָט.

איך האָב געלערענט דאָס ווען איך וועל איהם רופען וועט ער מיך הערען, ווען איך וועל בעטען וועט ער מיר ענטפערען, און וואָס איך וועל פון איהם פערלאַנגען, וועט ער מיר געבען.

דער אלמעכטיגער שעפער האָט און בעזיצט אַלעס, און דיעזע וואָס האָבען זיך פערדיענט ווערען פון איהם בעלוינט צו יעדער צייט און ער איז אימער בערייט צו ערפילען דעם וואונש פון דעם גערעכטען.

דארויף געשטיצט, בעט איך דיך, גאָט דוא בארמהערציגער, הער יעצט צו דאָס געבעט פון דיין קליינעם דיענער:


גאָט! דוא פועל צדק און בעל-רחמים, העלף מיר איך זאָל דיך דיענען; העלף מיר איך זאָל זיין גוט, און בעשיץ מיין מוטער.

